אויף תיכף ארויסצוגעבן: 11/5/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אינפארסירונג קאמפיין צו פארמיידן און ציהען אויפמערקזאמקייט צו בריק אנשטויסונגען אין ניו יארק סטעיט**

***בריק אנשטויסונג לינדערונג אינפארסירונג אפעראציע פון זונטאג, נאוועמבער 5 ביז שבת, נאוועמבער 11***

***ניו יארק סטעיט פאליציי, ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט, טרו-ווע׳ י אויטאריטעט און גאווערנער׳ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע האבן צוזאמגעשטעלט א 'בריק אנשטויסונג לינדערונג איינהייט'***

***ווידעאוס און רעקארדירונגען פון NYSDOT אסיסטענט קאמישאנער פעטריק באַרנס פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט פאליציי וועט דורכפירן א בריק אנשטויסונג אינפארסירונג קאמפיין אריבער ניו יארק סטעיט אנגעהויבן פון זונטאג, נאוועמבער 5 ביז שבת, נאוועמבער 11. יעדעס יאר קומען פאר אינצידענטן וואו קאמערציעלע טראק דרייווערס און אזוי אויך מענטשן וואס דרייווען ארויסגעדינגענע 'באַקס טראקס' און מואווינג טראקס שאצן אונטער די הייעך פון זייער טראק, און זיי שטויסן זיך אן אין בריקן און אָווערפּעסעס, שאפנדיג סכנות פאר די פובליקום, פאראורזאכנדיג טראפיק און שאדן צו בריקן אריבער די סטעיט. פון 2021 ביז 2022 זענען א סך הכל פון 808 בריק אנשטויסונגען באריכטעט געווארן אריבער ניו יארק סטעיט.

"בריק אנשטויסונגען קענען זיין סכנות'דיג פאר דרייווערס און פאר ערשטע הילף מאנשאפטן, און זיי האבן פאראורזאכט איבעריגע אומבאקוועמליכקייטן פאר לאקאלע קאמיוניטיס, אבער די אינצידענטן זענען 100 פראצענט פארמיידליך", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "כאטש מיר האבן איינגעפירט מאסנאמען און טעכנאלאגיעס אריבער די סטעיט צו העלפן פארמיידן בריק אנשטויסונגען, דאך איז גארנישט מער מאכטפול פון וויסנשאפט. דרייווערס פון הויכע טראקס האבן דא אויך אן אחריות: פאלגט אויס ווארענונג שילדן, ווייסט ווי הויעך די טראקס זענען און וויכטיגער פון אלעס — זייט אויפמערקזאם."

די ניו יארק סטעיט פאליציי וועט פאטראלירן פלעצער וואו עס איז באקאנט אז בריק אנשטויסונגונגען קומען פאר און אויף פארקוועיס אין אן אונטערנעמונג צו פארמיידן קאמערציעלע און אנדערע הויכע טראקס פון זיך אנשטויסן אין אן אָווערפּעס. זיי וועלן אויך קאארדינירן אינפארסירונג אפעראציעס מיט טראק אינספעקטארס פון לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטור אין פלעצער וואו עס קומען פאר די מערסטע בריק אנשטויסונגען.

אין קאארדינאציע מיט די אינפארסירונג קאמפיין וועלן די סטעיט פאליציי, די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (New York State Department of Transportation, NYSDOT),

די טרו-וועי אויטאריטעט און די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע ציהען אויפמערקזאמקייט צו דעם נושא דורך פארשידענע סאָושעל מידיע פלאטפארמעס דורכאויס די וואך.

די NYSDOT'ס קאמפיין, מיט די קעפל "Check Your Height, Know It's Right" (קוקט איבער אייער הייעך, ווייסט אז עס איז ריכטיג), איז אויסגעשטעלט צו זיכער מאכן אז דרייווערס ווייסן די הייעך פון זייערע טראקס כדי זיי זאלן וויסן אויב זיי קענען זיכערערהייט אונטערפארן סיי וועלכע און אלע בריקן. די קאמפיין וועט אריינרעכענען מערערע ווידעאוס, גראפיקס און בילדער און סאָושעל מידיע מעסעדזשעס. די ציהל פון די קאמפיין איז צו לאזן אן איינדרוק אויף אלע דרייווערס אז עס איז זייער אחריות צו וויסן די הייעך פון זייער טראק און פארמיידן בריקן וואס זענען צו הויעך פאר זיי. אין צוגאב וועט די NYSDOT פארזעצן צו ווארענען דרייווערס פון הויכע טראקס אז געווענטליכע GPS און סעלפאון מאפעס האבן נישט קיין ווארענונגען איבער די הייעך פון בריקן, און דאס לייגט זיי אין סכנה פון זיך אנשטויסן.

די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע וועט באזוכן טראק אינספעקציע ערטער צו פארטיילן אינפארמאציע איבער בריק אנשטויסונגען און איבער וויאזוי דאס צו פארמיידן.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "עס זענען געווען צופיל בריק אנשטויסונגען פארמישנדיג טראקס און אנדערע קארן וואס זענען צו הויך אין לעצטיגע יארן, א זאך וואס איז נישט נאר סכנות'דיג נאר אויך אינגאנצן פארמיידליך. בשעת מיר זעצן פאר צו איינפירן מאסנאמען וועלכע ווארענען דרייווערס איבער בריקן וואס קענען זיין צו נידעריג, איז דאס די אחריות פון די דרייווערס צו דרייווען זיכערערהייט און זיין וואכזאם איבער אלע אוועקגעשטעלטע ווארענונגען. איך באדאנק גאווערנער האקול און אונזערע אגענטור שותפים פאר זייער ארבעט ביים האלטן יעדן איינעם זיכער אויף ניו יארק'ס שאסייען."

די DMV האט פארגעשלאגן א רייע איבערגעארבעטע רעגולאציעס וועלכע רעכענען אריין ארויפלייגן פונקטן אויף א דרייווער'ס לייסענס פארן זיך אנשטויסן אין א בריק אדער פארן ספיעדן אין אן ארבעט זאנע. די פארגעשלאגענע רעגולאציעס זענען פארעפנטליכט געווארן אויף די סטעיט רעדזשיסטער, און די תקופה פאר די פובליקום צו לאזן קאמענטארן אויף זיי לויפט ביז נאוועמבער 6.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס קאמישאנער און גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע פארזיצער, מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "עס איז אזוי וויכטיג אז דרייווערס פון אלע סארטן טראקס זאלן איבערקוקן די הייעך פון בריקן אויף זייער פלאנירטע רוּטס צו זיכער מאכן אז זייער טראק וועט קענען אריבערפארן זיכערערהייט. מאפע סאָפטוועיר קענען זיין נוצבאר אין פילע וועגן, אבער עס גיבט נישט אייביג אינפארמאציע איבער די הייעך פון בריקן, און דערפאר מוזן דרייווערס דורכפירן זייערע אייגענע אונטערזוכונגען בעפארן זיך ארויסלאזן אויפן שאסיי."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סוּפעראינטענדענט, דאמיניק ל. קיומענטאָ, האט געזאגט,** "קאמערציעלע טראק דרייווערס מוזן וויסן זייער הייעך, און זיי מוזן אייביג צולייגן קאפ צו די מעגליכקייט פון סיי וועלכע נידעריגע בריקן לענגאויס זייער וועג. צופיל מאל האבן מיר געהאט א קאמערציעלע טראק וואס האט געמיינט אז זיי קענען זיך אריבערקוועטשן אונטער אן אָווערפּעס. פארמיידן די נידעריגע בריקן איז קריטיש פאר די זיכערהייט פון יעדער וואס פארט אויף ניו יארק'ס שאסייען. נישט נאר טוהען בריק אנשטויסונגען פאראורזאכן באדייטנדע שאדן און שטערונגען צו די טראפיק, נאר זיי האבן אויך די פאטענציאל צו ברענגען נאך סכנות פאר אנדערע דרייווערס און פאר די קאמיוניטיס וואו די נידעריגע בריקן געפונען זיך. די סטעיט פאליציי וועט פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים מיט די ציהל צו עלימינירן די נידעריגע בריק אנשטויסונגען און דערמיט פארזיכערן יעדן'ס זיכערהייט."

זינט אנהויב 2023 זענען 91 בריק אנשטויסונגען באריכטעט געווארן אויף די ניו יארק סטעיט טרו-וועי'ס 570-מייל-לאנגע 'סופערהייוועי', אין פארגלייך צו א סך הכל פון 63 בריק אנשטויסונגען באריכטעט אין גאנץ 2022 — א 44 פראצענטיגע העכערונג פון די פאריגע יאר. איינס פון די מערסט ערנסטע אינצידענטן איז געווען די סאַוט בראדוועי אָווערפּעס אין סאַוט נייעק, אין וועלכע א הויכע טראקטאר טרעילער האט זיך אנגעשטויגן אין אויגוסט 31, 2023. צוליב די עקסידענט זענען אלע דרום-ריכטונג לעינס פון די I-87/I-287 פארשפארט געווען פאר 16 שעה אויף סעפטעמבער 9 כדי צו ערמעגליכן צו אוועקנעמען צוויי געשעדיגטע זיילן צו סטאביליזירן די אווערפּעס.

**טרו-וועי אויטאריטעט צייטווייליגע עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פרענק האָור, האט געזאגט,** "בריק אנשטויסונגען צוליב הויכע טראקס זענען כמעט אייביג פארמיידליך. די אפרופונג און די נאכפאלגנדע פארררעכטונגען טוהען נישט נאר שטערן טראפיק, נאר די אינצידענטן זענען אויך קאסטבאר און פארמיידן אונזערע אויפהאלטונג און אינדזשענירונג מאנשאפטן פון זיך קאנצעטרירן אויף אנדערע וויכטיגע אויפגאבן פון אויפהאלטן א זיכערע און פארלעסליכע הייוועי. די מערהייט פון קאמערציעלע דרייווערס פאלגן אויס די כללים און מאכן זיכער אז זייערע לאדנס זענען אונטער די מאקסימום הייעך וואס שטייט אויף די שילדן. מיר מוטיגן אלע טראק דרייווערס צו איבערקוקן זייער הייעך בעפאר יעדע רייזע."

**טראָקינג אסאָוסיעישען אָוו ניו יארק (Trucking Association of New York, TANY) פרעזידענט, קענדרא העמס, האט געזאגט,** "TANY איז שטאלץ צו ארבעט מיט אונזערע סטעיט שותפים אויף די בריק אנשטויסונג לינדערונג איינהייט צו פארמיידן בריק אנשטויסונגען אין ניו יארק. אויפקלערונג איז א קריטישע עלעמענט פון דאס זיכער מאכן אז דרייווערס, סיי פראפעסיאנאלע און סיי די וועלכע דרייוון ארויסגעדינגענע טראקס, נעמען אונטער די באזונדערע שריט צו איבערקוקן די הייעך פון זייער טראק, זענען באקאנט מיט די רוּט און זענען וואכזאם צו צולייגן קאפ צו שילדן אויפן שאסיי. אין איינקלאנג מיט די אויפקלערונג קאמפיין, שיקט די געציהלטע אינפארסירונג ארויס די מעסעדזש איבער די ערנסטקייט פון דעם נושא. TANY קוקט ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן אויף דעם וויכטיגן נושא מיט אונזערע שותפים אזוי ווי מיר שטרעבן אלע צו פארמיידן בריק אנשטויסונגען אין די צוקונפט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן